STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09498

HIRSH GLIK UN ZAYN LID "ZOG NISHT KEYNMOL"

Nachman Mayzel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש גליק
און זיין ליד
„זאָג נישט קיינמאָל"

נחמן מייזיל

הירש גליק

און זיין ליד

„זאָג נישט קיינמאָל"

איקוף-פאַרלאַג
ניו-יאָרק

דערשינען מיט דער הילף פון

ד ר. מ אַ ק ס ס י ל ו ו ע ר

צו זיין 65טן געבוירנטאָג

און לזכרון פון

זיין פריצייטיק־פאַרשטאָרבענער פרוי

מ י נ י

געשטאָרבן פעברואַר 1949

N A C H M A N   M A J Z E L

HIRSCH GLICK UN ZEIN LIED "ZOG NISHT KEINMOL"

Published 1949 by Ykuf

189 Second Ave., New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

209

אינהאַלט

זייט

צום לייענער 7

1. הירש גליק, דער מחבר פונעם ליד
„זאָג נישט קיינמאָל" 9

2. אַנדערע לידער פון הירש גליק 18

3. פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון
„זאָג נישט קיינמאָל" 22

4. „זאָג נישט קיינמאָל" אין העברייאיש 29

5. „זאָג נישט קיינמאָל" אין פינף ענגלישע
איבערזעצונגען 33

6. אין פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן 39

7. פון דעם ליד — אַ קאָלירפולער פילם 46

8. הירש גליק — אַ געשטאַלט אין
פּרץ מאַרקישעס ווערק 49

9. די מוזיק פונעם יידישן פּאַרטיזאַנען־ליד 58

צום לייענער

מערקווירדיק און אָפט נישט צום באַגרייפן זיינען די וועגן פון דעם שאַפער און די פראַצעסן פונעם שאַפן. מערקווירדיק און אָפט נישט צום באַגרייפן איז דער וועג און דער גאַנג פון אַ שאַפונג און דער פראַצעס ווי די שאַפונג ווערט אייגן און איינגעאייגנט ביי די מאַסן, ביים פאָלק.

מיר זיינען געווען עדות די לעצטע פאָר יאָר ווי אַ ליד איז גלייך אַריבער פון רשות־היחיד אין רשות־הרבים, ווי ס׳איז דורך באַהאַלטענע קאַנאַלן און דורך וועגן־אומוועגן פאַרשפּרייט געוואָרן איבער גאָר דער יידישער וועלט, ס׳האָט געוואַנדערט און איבערגעוואַנדערט איבער גרענעצן, פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, איבער ימען און אָקעאַנען און פאַרכאַפּט מיליאָנען יידישע הערצער אין סאַמע דערהויבענע מאָמענטן און געוואָרן דער אויסדרוק פון דעם ווייַ און מוט, צער און צאָרן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פאַרשיידענע יידישע ישובים אין דער גאָרער וועלט.

„יש קונה עולמו בשעה אחת״, — עס טרעפט, אַז איינער פאַרשאַפט זיך אַ וועלט אין אַ גאָר קורצער צייט,

— קאָן מען זאָגן אויף דעם יונג־פּאַרשניטענעם הירש גליק און זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל״.

ווער איז דער מחבר פון אָט דעם אויסטערלישן ליד, ווען און וואו איז עס געשאַפן געוואָרן, ווי ווערט דער טעקסט אָנגעגעבן, אין וואָס פאַר אַ נוסחאות איז דאָס ליד פאַרשפּרייט, און וועלכע איבערזעצונגען זיינען פונעם ליד געמאַכט געוואָרן ?

מיין דאָזיקע אָפּהאַנדלונג איז אַ פּרואוו צו געבן אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן. די אָפּהאַנדלונג באַשטייט פון די צוויי אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „יידישער קולטור״ (דעצעמבער 1948 און פעברואַר 1949), מיט איינִיקע צוגאָבן און נייע מאַטעריאַלן.

זאָל דער יידישער עולם, וואָס זינגט דאָס ליד, וויסן פון וואַנעט עס קומט און אויך האָבן די איינִיקע ידיעות און פּרטים וועגן דעם הייליקן דיכטער־קעמפער פון ווילנער געטאָ און פון די העלדישע פּאַרטיזאַנען אין יענער געגנט.

דאָס ליד האָבן יידן געזונגען צווישן פאַלנדיקע ווענט, דאָס ליד וועט דאָס יידישע פאָלק זינגען אין אַ שענערער און בעסערער וועלט.

נ. מ.

מערץ 1949

1

הירש גליק, דער מחבר פונעם ליד „זאָג נישט קיינמאָל״

דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״ איז אין לויף פון אַ גאָר קורצער צייט געוואָרן דער באַליבטער הימן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן איבער גאָר דער וועלט. אַט ערשט, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, איז דאָס ליד באַקאַנט געוואָרן דעם עולם ווי אַ פּראָדוקט פון אַן אומבאַקאַנטן יידישן בחור אין ווילנער געטאָ, און גלייך איז עס געוואָרן דער נאַציאָנאַלער הימן פונעם יידישן פאָלק. עס איז פון די מערק־ווירדיקע און שטויגענדיקע דערשיינונגען: דורך קיין שום אויטאָריטעטן פאָלקס־אָרגאַן נישט באַשטימט, איז „זאָג נישט קיינמאָל״ מיטאַמאָל, דורך אַלע קרייזן און שיכטן פונעם יידישן פאָלק, אויפגענומען געוואָרן ווי דער העכסטער און פולסטער אויסדרוק פון דעם צער און צאָרן, פון דעם פּראָטעסט און מוט, וואָס אונדזערע אַלעמענס הערצער זיינען די לעצטע יאָרן איבערפולט פון אונדזער פאָלקס־חורבן און ווידעראויפלעבונג. מיט אַט דעם ליד עפנט מען גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמ־

לונגען, וואו מען הייליקט דעם אָנדענק פון די קדושים און הערָאָישע קעמפער. מען זינגט עס גלייך נאָך דער „התקוה" און אין פיל ערטער זינגט מען עס שטייענ־דיקערהייד. אין פיל פאַלן איז עס דער איינציקער פאָלקס־הימן אויף גרויסע פאָלקס־צונויפטרעפן.

עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן איבערזעצונגען אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, וואָס ווערן אויך באַנוצט אויף נאַציאָנאַלע פייערונגען אין פאַרשיידענע יידישע ישובים. און אינטערעסאַנט, וואָס דער טעקסט פונעם ליד איז ענג און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער מוזיק, מיט וועלכער דאָס ליד ווערט געזונגען אין פאַרשיידע־נעם טעמפּאָ, און אָפּטמאָל דורכן גאַנצן עולם.

דאָס ליד פון הירש גליק, וואָס איז איצט באַקאַנט און נאָענט און טייער מיליאָנען, איז אינגאַנצן אַלט קוים פינף יאָר, און זינט ס'איז דערגאַנגען צו דער ברייטער וועלט איז ערשט געוואָרן דריי יאָר.

קודם כל — ווער איז הירש גליק, דער מחבר פון דעם ליד?

די ידיעות וועגן אים זיינען זייער מאָגערע. אין דער זאַמלונג „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ" (גע־זאַמלט, דערקלערט און הקדמה פון ש. קאַטשערגינסקי, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרבאַנד פון די ווילנער אין פראַנקרייך, פּאַריז, 1947), אין דער נאָטיץ אונטערן ליד ווערט דערציילט:

„הירש גליק איז געבוירן אין יאָר 1920 אין ווילנע.

געענדיקט אַ העברייאישע פֿאָלקס־שול, דערנאָך גע־אַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ פּאַפּיר־געשעפֿט. באַטייליקט זיך אין אָרגאַניזירן די ליטעראַרישע גרופּע ׳יונגוואַלד׳, וואָס איז געווען דער נאָכוואוקס פֿון ׳יונג־ווילנע׳... אין דער צייט פֿון דער דייטשער אָקופּאַציע געפֿינט ער זיך אין ווייסע וואַקע (אַן אַרבעטס־לאַגער 12 קילאָמעטער פֿון ווילנע), וואו ער גראָבט, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר הונדערט יידן, טאָרף. אין לאַגער שרייבט גליק אָן אַ ריי גרעסערע פּאָעמעס, וועלכע ער שיקט צו אין ווילנער געטאָ. די ליטעראַטן־פּאַראייני־קונג שאַצט אָפּ ווי געהעריק זיינע שאַפֿונגען און פּועלט ביי דער יידישער געטאָ־מאַכט אים צו העלפֿן. גליקס ווערק ווערן פּרעמירט אויף צוויי ליטעראַרישע קאָנ־קורסן. אין 1943 ווערן די יידן פֿון לאַגער אַריבער־געפֿירט אין ווילנער געטאָ. גליק טרעט אַריין אין דער פּאַרטיזאַנישער מחנה פֿון געטאָ. ער שרייבט דאַן אָן צווישן אַנדערע דאָס באַרימט־געוואָרענע ליד ׳זאָג נישט קיינמאָל׳, און פֿאַרן טעאַטער — דאָס ליד ׳זאַנגל׳. ווען דאָס געטאָ ווערט ליקווידירט, באַוויזט שוין נישט גליק זיך צו פֿאַראייניקן מיט זיינע חברים פּאַרטיזאַנער. די געשטאַפּאָ פֿאַרלויפֿט אים דעם וועג, פֿאַנגט און שיקט אים אַוועק אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עסטאָניע. ווען די רויטע אַרמיי הויבט אָן דעם אָנגריף אויף די באַלטישע לענדער, זומער 1943, אַנטלויפֿט ה. גליק פֿון לאַגער גאָלדפֿילד אין די דערבייאיקע וועלדער, וואו

ער קומט אום אין קאַמף קעגן אַ היטלעריסטישער באַנדע.״

„דאָס ליד — ווערט ווייטער געזאָגט — האָט דער יונגער פּאָעט אָנגעשריבן נאָך דעם ווי ס׳זיינען אַרויס אין וואַלד אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון ווילנער געטאָ, וועלכע האָבן 30 קילאָמעטער פון שטאָט אָנגעטראָפן אויף אַ פיינטלעכער באַזעצונג. אין קאַמף זיינען דאָן געפאַלן פון דער יידישער זייט ביז 15 קעמפער. אין יענער צייט זיינען אויך אָנגעקומען אין ווילנער געטאָ ידיעות פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט אויף דעם דיכטער געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.״

און לסוף: „דער שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער פון ווילנער געטאָ האָט באַשלאָסן הירש גליקס ליד פאַרוואַנדלען אין אַ הימן פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע״ (זייט 52).

אין זיין בוך „חורבן ווילנע״ (ציקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947) גיט איבער ש. קאַטשערגינסקי נאָך אַ פּאָר פּרטים וועגן הירש גליק. דער יונגער דיכטער האָט אינעם טאָרף־לאַגער ווייסע וואַקע „געאַרבעט צוזאַמען מיטן פּאָטער״, „דאָרט געהונגערט און קראַנק געוואָרן״, אַז ער האָט מיט זיינע לידער „דערפרייט די צעחושכטע געמיטער פון די פּאָר הונדערט מיטליידנדע אין לאַגער. אין ווילנער געטאָ פלעגט ער זיין אַן אָפטער גאַסט, האָט אָפט געלייענט פאַר אונדז זיינע

ווערק. . . . זיין שפּילעוודיק לידל 'זאַנגל' האָט אַרויס־
גערופן הייטערקייט ביי זיינע חסידים. אָנהויב 1943
איז דער טאָרף־לאַגער, צוליב פאַרבינדונגען מיט פּאַר־
טיזאַנער, ליקווידירט געוואָרן און די אַרבעטער זיינען
אַריינגעשיקט געוואָרן אין ווילנער געטאָ. גליק איז גע־
וואָרן אַ טעטיקער פּאַרטיזאַן. ווען די געטאָ האָט אָנ־
געהויבן ליקווידירט ווערן און די פּאַרטיזאַנער האָבן
דערקלערט אַ מאָביליזאַציע, איז ער גייענדיק אויפן
מאָביליזאַציע־פּונקט צוגענומען געוואָרן פון געשטאַפּאָ
און אָוועקגעשיקט געוואָרן אין עסטאָנישן לאַגער גאָלד־
פילד. אויך דאָרט האָט ער געשריבן, בעסער געזאָגט
— נישט געשריבן, ווייל קיין פּאַפּיר און בלייער זיינען
נישט געווען, נאָר געקריצט ביי זיך אין זכרון. ווי אַ
פּאַרטיזאַן, האָט ער נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן
געדאַנק צו אַרבעטן ווייטער ווי אַ קנעכט ביי די דייטשן.
ער איז מיט אַ גרופּע חברים פון גאָלדפילד אַנטלאָפן
אין די דערבייאיקע וועלדער (זומער, 1944 [1]) און מער
האָט ער זיך שוין נישט באַוויזן... זיין פאָטער איז אומ־
געקומען אין קלאָגע. אויך זיינע אַ שוועסטער איז
געווען אין געטאָ." (ז"ז 185־186).

איך האָב באַקומען צוגעשיקט פון ש. קאַטשער־
גינסקי נאָך פּרטים ווי הירש גליק האָט פאַרפאַסט זיין
ליד. מען האָט אָרגאַניזירט אַ פייערונג פונעם ערשטן

[1] אין דער זאַמלונג „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ" גיט
אָן ש. קאַטשערגינסקי — זומער, 1943.

מאַי אין ווילנער געטאָ (אין יאָר 1943) אונטערן נאָמען „פרילינג אין דער יידישער ליטעראַטור". „הונדערטער יידן — דערציילט ש. קאַטשערגינסקי — האָבן זיך אין געהיים צונויפגעקליבן אין אַ קיך־לאָקאַל, כדי צו פייערן דעם יום־טוב פון פרייהייט אין דער געטאָ. אין ענגן זאַל, צוהערנדיק זיך צו די רעדעס פון די רעדנער, האָבן מיר געפילט אַרום זיך די פלאַמיקע אויפשטענד־לער אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכע האָבן נאָך אין דער זעלביקער צייט אָנגעהאַלטן זייער ניט־גלייכן קאַמף קעגן די נאַציס." ס'איז דאָן צו אים צוגעקומען הירש גליק און דערציילט אים, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ ניי ליד. „אַ ליד גאָר אין מיטן דרינען?" — האָט אים געפרעגט ש. קאַטשערגינסקי... און הירש גליק האָט אים צוגעזאָגט צו קומען מאָרגן מיטן ליד, וואָס „זינגט זיך".

„אויפן פרימאָרגן — גיט ווייטער איבער ש. ק. — איז שוין הירשקע געווען ביי מיר.... ער האָט אָנ־געהויבן שטיל צו זינגען, שטיל אָבער פלאַמיק, מיט האַרץ. די אויגן ביי אים האָבן זיך אין פייערלעך צע־גלאַנצט: '. . . קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה !...' פון וואַנעט אָט דער זיכערער גלויבן ? הירשל לאָזט אָבער נישט צווייפלען, נישט איבערטראַכטן. עס וועדט פאַרלוירן דער ציטער פון שטים, זיכער האַמערט ער די ווערטער אויס, קלאַפט צו מיטן פוס, ווי ער וואָלט אין אַ מאַרש געגאַנגען:

„דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאָלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאָגאַנעס אין די הענט.״

„בראַוואָ, הירשקע, — האָב איך אים געדריקט די האַנט. איך האָב דערפילט אין זיינע ווערטער דעם רושם, וואָס עס האָט געמאַכט אויף אים און אויף אונדז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. איך האָב געזען ווי ער אָטעמט מיט לופט פון גראַנאַטן און נאַגאַנען...״

„גליק האָט דעם ניגון שוין פריער געקענט — שרייבט ש. קאַטשערגינסקי — און די ווערטער האָט ער פאַרפאַסט לויט דער מוזיק, און דאָס ליד איז אָנגעשריבן אונטערן רושם פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.״ (פון זיין בריוו צו מיר—נ. מ.).

דר. מאַרק דוואָרזשעצקי, אין זיין בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״ (זכרונות פון ווילנער געטאָ, אַרויסגעגעבן דורכן יידישן פאָלקס־פאַרבאַנד אין פראַנקרייך, פאַריז, 1948), דערציילט, אַז דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד פון ה. גליק „האָט געמוטיקט די געטאָ־מענטשן אין די שלעכטע מינוטן״ און אַז זיין צווייט ליד וועגן אַ פּאַרטיזאַנער־מיידל „האָט צוליב איר מעלאָדיע און חן אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי דער געטאָ־יוגנט״. (ז״ז 282־283).

ווי א. סוצקעווער דערציילט אין זיין בוך „ווילנער געטאָ״ איז הירש גליק „ביים דורכרייסן זיך דורך דער אַרומגערינגלטער געטאָ צו די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד,

פארכאפט געווארן דורך די דייטשן און פארשלעפט געווארן אין עסטאניע אין א קאנצענטראציע־לאגער" („ווילנער געטא", בוענאס־איירעס, 1947, ז' 181).

וואס דאס ליד „זאג נישט קיינמאל" האט באדייט אין יענע גרויליקע טעג פאר די קעמפער אין געטא דערציילט אונדז רוזשקע (רייזל קארטשאק) אין איר העברייאישן בוך „להבות באפר" (פלאמען אין אש): „דער כח פון דער ארגאניזאציע (פון די פארטיזאנען) איז געוואקסן. זיינע רייען זיינען אלץ מער געשלאסן געווארן. דער חבר איז געקרעפטיקט געווארן דורך זיין טאג־טעגלעכן קאמף. און כאטש עס זיינען שווערע גע־ווען פאר אונדז די טעג און מיר האבן גוט געוואוסט, אז נאך שווערערע צייטן ווארטן אויף אונדז, האט זיך דאך נישט געפונען קיין זאך, וואס זאל קאנען פאר־שטומען אין אונדז דעם פרעכטיקן געזאנג, וואס האט זיך געריסן פון אונדזער הארץ. אין יענער צייט האט אפגעהילכט אויף די גאסן פון דער געטא אונדזער הימן, דאס וואונדערלעכע געזאנג פון גבורה און האפענונג."

און ברענגענדיק דאס גאנצע ליד, שרייבט רוזשקע: „דאס ליד, געשריבן דורך א יונגן ווילנער דיכטער, הירש גליק, א פארטיזאנער, איז כמעט דאס איינציק פארבליבענע פון זיין פראדוקטיוו שאפן אין דער געטא. דאס ליד איז געווארן פאר אונדז א הימן. דאס ליד פון אונדזערע האפענונגען און ספקות, דאס ליד פון לעבן און טויט. איינער פון דער קאמאנדע האט אמאל א זאג

געטאָן, אַז אויב אַפּילו מיר אַלע וועלן אומקומען, און ס׳וועט פאַרבלייבן בלויז אָט דאָס ליד (דער שטייגער פון לידער, אַז זיי פאַרשווינדן נישט), וועלן פון אים די קומענדיקע דורות באַגרייפן אונדזער איצטיק לעבן און זיי וועלן פאַרשטיין און פאַרנעמען די צוואה, וואָס מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט מיט אונדזער טויט.״ (ז״ז 169־170).

רוזשקע, וואָס גיט איבער אַזוי טרעפלעך דעם געמיט־צושטאַנד פון די פאַרטיזאַנען, לעבט און אַרבעט איצט אין ישראל, אין אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר״, און דאָס ליד פון הירש גליק האָט טאַקע איבערגעלעבט זיין מחבר, דעם יונגן, הייליקן, מוטיקן קעמפער־דיכטער!

2

אַנדערע לידער פון הירש גליק

עס זיינען פאַרעפנטלעכט ביז־אַהער נאָך לידער פון הירש גליק. אין דער דערמאָנטער זאַמלונג „דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ" האָבן מיר נאָך צוויי לידער פון הירש גליק: „פּאַרטיזאַנער־ליד" און „דאָס זאַנגל".

פּאַרטיזאַנער־ליד

שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט
און דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט,
צי געדענקסטו, ווי איך האָב דיך געלערנט,
האַלטן אַ שפּייער [1] אין די הענט?

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט
און האַלט אין האַנט פעסט אַ נאַגאַן,
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונאס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפן
האָט איר קליינינקער פּיסטויל,

[1] אַ רעוואָלווער.

אַן אויטאָ אַ פּולינקן מיט וואָפן
פֿאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל.

פֿאַרטאָג, פֿון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פֿון קליינינקן נצחון,
פֿאַר אונדזער נייעם, פֿרייען דור.

אין אַ נאָטיץ צום ליד ווערט דערציילט, אַז ס'איז „געשריבן געוואָרן נאָך דעם ערשטן דיווערסיע־אַקט פון די פּאַרטיזאַנער פֿון דער ווילנער געטאָ איציק מאַצקעוויטש און וויטקע קעמפּנער, וועלכע האָבן היני־טער ווילניע אין 1942 אויפגעריסן אַ דייטשן עשעלאָן" (ז' 47).

דאָס איז דאָס ליד, וואָס האָט אַרויסגערופן באַ־גייסטערונג ביי דער געטאָ־יוגנט.

פּאַרטיזאַנער - ליד

טעקסט ה. גליק — מוזיק קאָמפּאָזיטאָר אומבאַקאַנט



ווי מיר זעען פון די געבראַכטע דאָ נאָטן, איז אויך דאָס ליד געזונגען געוואָרן אין ווילנער געטאָ.

און אָט איז דאָס באַליבטע ליד „דאָס זאַנגל" פון הירש גליק:

דאָס זאַנגל

בלאָנד ביסטו ווי אַ זאַנגל,
שיין ווי דער זון־פאַרגאַנגל,
פיר מיך דורך באַרג און טאָל
און איך דיך נאָך אַמאָל,
ביז מיר וועלן זיך שיידן.

און וואָלט איר זעןביים שיידן
אין ראָזן שקיעהביידן,
ליפּן ווי מערעלעך,
אויגן פול טרערעלעך
און בעסער גאָרניטריידן.

הער, מיידל, מיין פאַרלאַנגל,
אין ראָזן זון־פאַרגאַנגל,
שווער מיר ביים זונען־שיין,
אַז דו וועסט מיינע זיין, —
און זי האָט אים געשוואָרן.

און זי האָט אים געשוואָרן,
פורפור איז ער געוואָרן,
פורפור ווי דער פאַרלאַנג,

פורפור ווי זון־פאַרגאַנג,
הינטער די בלאָנדע קאָרן.

אין פאַסטעכס פייפל־קלאַנגל,
לעשט זיך דער זון־פאַרגאַנגל,
און אין די הימלען טיף,
די לבנה אַ זעגל־שיף
איז שוין אַרויסגעגאַנגען.

איז זי זיי נאָכגעגאַנגען
און שטערן אויסגעהאַנגען,
שטערן איבער די צוויי
אוןביימער צווישן זיי —
שטייען ווי חופה־שטאַנגען.

דאָס פּרעכטיקע ליד „דאָס זאַנגל״ האָט ה. גליק אָנגעשריבן „אין וואַלד (1943) ביי רעשע, לעבן ווילנע, וואו ער האָט געאַרבעט ביי טאָרף״ (דאָרט, ז׳ 48).

עס האָט שטאַרק אויסגענומען אין יענע שווערע יאָרן מיט זיין שפּילעוודיקייט און שטיפערישקייט.

ס׳איז, אגב, דאָ נאָך אַ ליד, וואָס מ׳איז נישט זיכער, צי ס׳איז הירש גליקס. דאָס ליד הייסט „לאָמיר שווייגן״ (פאַרעפנטלעכט אין „לידער פון די געטאָס און לאַגערן״, ז״ז 248־249).

3

פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן פֿון „זאָג נישט קיינמאָל"

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל" איז איצט געוואָרן אַזוי באַרימט און באַליבט, און עס איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער הימן פֿון די יידישע מאַסן אין דער וועלט, איז ביז איצט נאָך נישט פֿעסטגעשטעלט קיין גענויער טעקסט פֿון דעם ליד. דאָס ליד פֿיגורירט אין די פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס אין די סאַמע פֿאַרשיידנסטע וואַריאַנטן, וועלכע האַלטן זיך אין איין מערן.

אין דער „יידישער קולטור" (מאַי, 1945) האָבן מיר צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס ליד אונטערן נאָמען „ליד פֿון די ווילנער יידישע פּאַרטיזאַנען". מיר האָבן עס דאָן איבערגעדרוקט פֿון דער תל־אביבער העברייאישער טאָג־צייטונג „משמר", וואו ס'איז גע־דרוקט געוואָרן אַ העברייאישע איבערזעצונג מיטן יידישן אָריגינאַל. דאָס ליד איז געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל דורך אַ געראַטעוועטן פֿון געטאָ.

אָט איז דער טעקסט פֿונעם ליד:

זאָג נישט קיינמאָל

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג ;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט : מיר זיינען דאָ !

פון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווייטן לאַנד פון שניי
מיר זיינען דאָ — מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי ;
און וואו געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

ס׳וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט,
אונדזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט ;
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי,
ס׳איז נישט קיין ליד פון אַ פויגל אויף דער פריי,
נאָר ס׳האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג ;
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס׳וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט : מיר זיינען דאָ !

און איצט וועגן די פאַרשיידענע ענדערונגען, וואָס זיינען דאָ אינעם ליד. מיר וועלן גיין כסדר, און כדי צו פאַרלייכטערן פאַרן לייענער, ער זאָל זיך אָריענטירן אין זיי, וועלן מיר גיין נאָך די שורות נאָך. מיר האָבן 5 פערזן צו 4 שורות — 20 שורות (די לעצטע פיר זיינען אַ רעפריין).

די ערשטע שורה איז אומעטום די זעלבע, אָבער די צווייטע שורה האָט שוין אַן אַנדער נוסח. אין דער לידער־זאַמלונג (מיט נאָטן) „אונדזער געזאַנג", וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן אין 1947, וואו דאָס ליד קומט גלייך נאָך דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און „התקוה", — הויבט זיך אָן די צווייטע שורה מיטן וואָרט „כאָטש", „כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג; אין אַנדערע אויסגאַבעס — מיטן וואָרט „ווען" — „ווען הימלען בלייענע"...

אין דער שורה 3 פונעם ליד איז אין אייניקע אויס־גאַבעס דאָס וואָרט „נאָך" פאַרביטן אויף „דאָך" — „קומען וועט דאָך . . .". און דערצו הויבט זיך אָן די שורה מיט „ווייל" — „ווייל קומען וועט . . ."

אין דער שורה 4 איז דאָ (אין דר. מ. דוואָרזשעצקיס בוך) אַ וואָרט „ס'וועט אַ קלאַפּ טאָן", אַנשטאָט ווי ס'איז דאָ אומעטום „ס'וועט אַ פּויק טאָן". אין אייניקע וואַריאַנטן הויבט זיך אָן די שורה מיט „און" — „און ס'וועט . . ."

די פינפטע שורה האָט שוין אַ וועזנטלעכע ענדע־רונג: די ווערטער „ביז ווייטן לאַנד פון שניי" זיינען אין פיל אויסגאַבעס פאַרביטן אויף „ביז לאַנד פון ווייסן שניי" („דאָס געזאַנג פון געטאָ"), אָדער „ביז ווייסן לאַנד פון שניי" (א. סוצקעווער, מ. דוואָרזשעצקי א. אַ.). מיר מיינען דאָך, אַז פיל בעסער איז דער נוסח „ביז ווייטן לאַנד פון שניי". און אָודאי טויג נישט „ביז לאַנד פון ווייסן שניי".

אין דער זעקסטער שורה, אַנשטאָט די ווערטער: „מיר זיינען דאָ" („יידישע קולטור", א. סוצקעווער, מ. דוואָרזשעצקי), האָבן מיר די ווערטער „מיר קומען אָן" („דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ" א. אַ.).

אויך די זיבעטע שורה איז נישט אומעטום די זעלבע. אַנשטאָט „איז אַ שפּריץ...", האָבן מיר די שורה אַזאַ: „און וואו געפאַלן איז אַ טראָפּ פון אונדזער בלוט". און ס'איז אויך דאָ „וואו געפאַלן ס'איז אַ שפּראָץ . . .". אַ „שפּראָץ" איז זיכער נישט גוט!

אין דער שורה 8 האָבן מיר אַזאַ וואַריאַנט: „וועט נאָך אַ שפּראָץ טאָן . . .".

אין דער שורה 9 איז דאָ בלויז אַ קליינע ענדערונג — דאָס וואָרט „באַגילדן" ווערט אין איין אָרט פאַרביטן אויף „פאַרגילדן".

די צענטע שורה האָט אויך אַן ענדערונג: אין אייניקע אויסגאַבעס קומט אַנשטאָט „אונדזער נעכטן" — „און דער נעכטן". אין איין אויסגאַבע (עמאָ

שייוועדס בוך „מיר זיינען דאָ!‟, ניו־יאָרק) הויבט זיך אָן די שורה: „דער שוואַרצער נעכטן . . .‟.

די עלפטע שורה הויבט זיך אָן אין אייניקע אויס־גאַבעס: „און אויב‟, און אין אַנדערע — „נאָר אויב‟. ס׳איז אויך דאָ אַ נוסח: „וועט די זון אין דעם קאַיאָר‟.

אין דער צוועלפטער שורה קומט אין אייניקע אויסגאַבעס אַנשטאָט „זאָל זיין‟ — „זאָל גיין‟.

אַ וועזנטלעכע ענדערונג איז דאָ אין דער שורה 13: אַנשטאָט „און מיט בליי‟, ברענגען אַנדערע „און נישט מיט בליי‟. „און מיט בליי‟ איז, דוכט זיך, בעסער, שטאַרקער, נעענטער צום תוך!

אין דער שורה 14, אַנשטאָט „ס׳איז נישט קיין ליד‟ — קומט „ס׳איז נישט קיין לידל‟.

שורה 15 — אין אייניקע אויסגאַבעס: „נאָר ס׳האָט אַ פאָלק‟ — „דאָס האָט אַ פאָלק‟...

שורה 16 האָט אין אין אָרט אַנשטאָט „מיט נאַ־גאַנעס‟ — „מיט גראַנאַטן‟.

אבא קאָוונער, איינער פון די קאָמאַנדירן־אָנפירער פון דער פאַראייניקטער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין ווילנער געטאָ, שרייבט אין זיינע פאַרצייכענונגען (פון 1944) „פלעקן אויפן מויער‟ („יידישע קולטור‟, 1947, נ׳ 5, ז׳ 87) וועגן דעם געהויבענעם גייסט אין דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע: „די נשמה האָט געבענקט און געזונגען דאָס ליד פון וואַגונג און גלויבונג.‟ און ער ברענגט די שורות 13־16 (דעם פערטן פערז) אין אַזאַ

נוסח: די שורה 13 — „פאַרשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און מיט בליי“, און די שורה 16: „דאָס ליד געזונגען מיט גראַנאַטן אין די הענט.“ גראַנאַטן איז אפשר מער צוגעפּאַסט פאַר דעם פּאַרטיזאַן, ווי נאַגאַנעס!

אויף וויפיל מ'איז נישט פּאָרזיכטיק און פאַראַנטוואָרטלעך ביי אונדז, באַווייזט דאָס פאָלגנדיקע:

אין דער זאַמלונג „לידער פון די געטאָס און לאַגערן“ (טעקסטן און מעלאָדיעס געזאַמלט: ש. קאַטשערגינסקי, רעדאַקטירט: ה. לייוויק, אַרויסגעגעבן פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס דורכן ציקאָ־ביכער־פאַרלאַג) פאַרענדיקט ה. לייוויק, דער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע, זיין אַרטיקל מיט די ערשטע פיר שורות פונעם ליד, און די שורות 2 און 3 הויבן זיך אָן מיט די ווערטער: „ווען הימלען בליענע“... און „ווייל קומען וועט“... און מיט 2 זייטלעך שפּעטער קומט דאָס ליד גופא און דאָרטן זיינען די זעלבע שורות 2 און 3 אַנדערש: „כאָטש הימלען“ און „קומען וועט“... דער חשובער רעדאַקטאָר, אַליין אַ דיכטער, האָט געמעגט, לכל הפחות, אויף אַזאַ „קלייניקייט“ אַכטונג געבן, און בפרט אין אַן אויסגאַבע, וואָס מ'האָט וועגן איר געפּויקט אין אַלע צייטונגען...

ווי מיר זעען פון די געבראַכטע פאַרשיידענע נוסחאות, איז בלויז איין שורה, די ערשטע שורה, אומעטום די זעלביקע, אָן ענדערונגען. די אַלע איבע־

ריקע 15 שורות האָבן פֿאַרשיידענע ענדערונגען, קליינע, נישט־וויכטיקע, און אויך וועזנטלעכע. מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז דאָס ליד ווערט ווייטער איבערגעשריבן, קאָפּירט אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים, און ס׳וואַקסט אַזוי אַרום אַ פֿלאַנטער אַרום אַ ליד, וואָס איז דורכן יידישן פֿאָלק דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלן פֿאָלקס־הימן.

מיר מיינען, ס׳וואָלט געווען זייער וויכטיק, ווען אַן אויטאָריטעטע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע זאָל אויסקלייבן אַ קאָמיסיע פֿון דיכטער און מוזיקער, וואָס זאָל אויסאַרבעטן איין ענדגילטיקן טעקסט פֿון דעם ליד. ס׳איז אַ בזיון, ווען אַ ליד, וואָס איז דורך דעם יידישן פֿאָלק דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַציאָנאַלן הימן, זאָל האָבן אַזוי פֿיל נוסחאות און ענדערונגען. און די קאָמיסיע זאָל זיין, ווי ווייט מעגלעך, אַ צווישן־„פּאַרטייאישע״, כדי איר באַשלוס זאָל אָנגענומען ווערן דורך אַלעמען, אָן אויסנאַם.

און ס׳איז אויך וויכטיק, אַז ס׳זאָל באַשטימט ווערן איין אָנגענומענער טעקסט פֿונעם ליד אין יעדער פֿון די אַנדערע שפּראַכן פֿון די פֿאַרשיידענע איבערזעצונגען.

און מען דאַרף עס טאָן גלייך, אָן אָפּלייגעניש, ווייל דאָס ליד ווערט אַלץ מער איבערגעדרוקט, פֿאַרעפֿנטלעכט און פֿאַרשפּרייט אין די פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן. זאָל נישט הערשן קיין הפֿקרות אין אַזאַ וויכטיקן ענין!

4

„זאָג נישט קיינמאָל״ אין העברייאיש

ה. גליקס „זאָג נישט קיינמאָל״ איז איבערגעזעצט אין העברייאיש דורך דעם באַוואוסטן העברייאישן דיכטער א. שלאָנסקי. מיר ברענגען דאָ די איבערזעצונג פון דער אויסגאַבע „שירי מאבק״ (אויסגאַבע פון „החלוץ הצעיר״ — תנועת נוער חלוצית באמריקה, 1948). מיר גיבן אַ רעפּראָדוקציע פון דער אָפּגעדרוקטער זייט:

אַל־נָא תֹּאמַר: „הִנֵּה דַּרְכִּי הָאַחֲרוֹנָה,
אֶת אוֹר הַיּוֹם הִסְתִּירוּ שְׁמֵי הָעֲנָנָה".
זֶה יוֹם נִכְסַפְנוּ לוֹ עוֹד יַעַל וְיָבֹא,
וּמִצְעָדֵנוּ עוֹד יַרְעִים: אֲנַחְנוּ פֹּה!

מֵאֶרֶץ הַתָּמָר עַד יַרְכְּתֵי כְּפוֹרִים,
אֲנַחְנוּ פֹּה - בְּמַכְאוֹבוֹת וְיִסּוּרִים,
וּבַאֲשֶׁר טִפַּת־דָּמֵנוּ שָׁם נִגְּרָה,
הֲלֹא יָנוּב עוֹד עֹז־רוּחֵנוּ בִּגְבוּרָה.

עַמּוּד הַשַּׁחַר עַל עַמֵּנוּ עוֹד יָהֵל;
עִם הַזּוֹרֵר יַחֲלֹף תְּמוֹלֵנוּ כְּמוֹ צֵל.
אַךְ אִם, חָלִילָה, יְאַחֵר לָבֹא הָאוֹר –
כְּמוֹ סִיסְמָה יְהֵא הַשִּׁיר מִדּוֹר לְדוֹר.

בִּכְתָב הַדָּם וְהָעוֹפֶרֶת הוּא נִכְתָּב.
הוּא לֹא שִׁירַת צִפּוֹר-הַדְּרוֹר וְהַמֶּרְחָב,
כִּי בֵּין קִירוֹת נוֹפְלִים שָׁרוּהוּ כָּל הָעָם,
יַחְדָּו שָׁרוּהוּ וְ„נַגָּנִים" בְּיָדָם

עַל-כֵּן אַל-נָא תֹּאמַר: „דַּרְכִּי הָאַחֲרוֹנָה,
אֶת אוֹר הַיּוֹם הִסְתִּירוּ שְׁמֵי הָעֲנָנָה"
זֶה יוֹם נִכְסַפְנוּ לוֹ עוֹד יַעַל וְיָבֹא,
וּמִצְעָדֵנוּ עוֹד יַרְעִים: אֲנַחְנוּ פֹּה!

אגב, אין דער שורה 9 דאַרף זיין אָנשטאָט „עוד יהל" — „אור יהל".

דער דאָזיקער טעקסט איז פאַרעפנטלעכט אין פיל וויכטיקע אויסגאַבעס אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, ווי „מורשת הגבורה" (ירושלים) און פיל אַנדערע.

אויך מיטן העברייאישן טעקסט איז מען נישט געווען צוגעגאַנגען ...

גען. אין דעם בוך פון רייזל קאָרטשאַק (רוזשקע) — „להבות באפר" (איבערגעזעצט פון פוילישן כתב־יד דורך בנימין טענענבוים, דערשינען אין „ספרית פועלים", ארץ־ישראל, 1946) זיינען צוויי שורות פונעם ליד געגעבן אויף אַ באַזונדער זייט ווי אַ מאָטאָ. קומט דאָרט די שורה 11 אַזוי: „ואם חלילה" — אַנשטאָט „אַך אם", און אין בוך גופא, ווען ס'ווערט געשילדערט אַ געמיט־צושטאַנד נאָך אַן אַקציע איבער די דייטשן, שרייבט זי: „יענעם טאָג האָבן מיר מער ווי געוויינט־לעך געפילט די פרייד פון נקמה. אין אַזעלכע טעג האָבן די הערצער געזונגען מיט מער האָפענונג און גלויבן דאָס פייערדיקע ליד, אונדזער הימן." און עס ווערן ציטירט די ערשטע פיר שורות, און די שורה 3 קומט אַנדערש: אַנשטאָט „זה יום נכספנו לו", קומט אין בוך: „זה יום קיווינו לו".

רוזשקע (רייזל קאָרטשאַק) ציטירט דאָס ליד אין דער העברייאישער איבערזעצונג פון א. שלאָנסקי, און די שורה 5 איז ביי איר אַזאַ: „מגבול הקרח ועד ארץ התמרים", און די שורה 17 הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אל נא תאמר איפה . . .".

צי זיינען געמאַכט געוואָרן אין העברייאיש אַנ־דערע איבערזעצונגען, ווייסן מיר נישט.

דאָס ליד אין העברייאיש ווערט געזונגען דורך דעם פּראָגרעסיוון אַרבעטער־כאָר „רן" (ראָן—געזאַנג) פון תל־אביב לויט אַ ספּעציעלער באַאַרבעטונג פון זיין

דיריגענט קאָנראַד מאָן. עס הויבט זיך אָן ווי אַ מאַרש מיט די ווערטער: „הנה אנחנו פרטיזנים" און די גאַנצע צייט ווערן אָט די ווערטער געזונגען ווי דער טאַקט פון אַ מאַרש, אַ מין הינטערגרונט פאַרן ליד. בעת מיין באַזוך אין ארץ־ישראל אין 1946 האָט דער דאָזיקער כאָר געזונגען דאָס ליד ביי מיין אויפטריט אין תל־אביב פאַר אַ גרויסן עולם. אויף דעם פּראַגער וועלט־פעסטיוואַל האָט דער כאָר, מיט אָט דעם ליד, ספּעציעל שטאַרק אויסגענומען.

5

„זאָג נישט קיינמאָל" אין פינף ענגלישע איבערזעצונגען

אין ענגליש זיינען פאַרעפנטלעכט איניקע איבער־זעצונגען. דער יונגער יידיש־ענגלישער דיכטער אהרן קרעמער האָט אין אַפּריל־נומער „דזשואיש לאַיף", 1947, פאַרעפנטלעכט אַן איבערזעצונג אונטערן נאָמען „פּאַרטיזאַן סאָנג":

Never say that there is only death for you
Though leaden skies may be concealing days of blue—
Because the hour that we have hungered for is near;
Beneath our tread the earth shall tremble: We are here!

From land of palm-tree to the far-off land of snow
We shall be coming with our torment and our woe,
And everywhere our blood has sunk into the earth
Shall our bravery, our vigor blossom forth!

We'll have the morning sun to set our day aglow,
And all our yesterdays shall vanish with the foe,
And if the time is long before the sun appears,
Then let this song go like a signal through the years.

This song was written with our blood and not with lead;
It's not a song that birds sing overhead.

It was a people, among toppling barricades,
That sang this song of ours with pistols and grenades.

So never say that there is only death for you.
Leaden skies may be concealing days of blue—
Yet the hour that we have hungered for is near;
Beneath our tread the earth shall tremble: We are here!

ס'איז דאָ נאָך אַן ענגלישע איבערזעצונג, וואָס איז
פּאָפּולער צווישן קרייזן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־
פאַרבאַנד פון די פּועלי־ציון. דוכט מיר, אַז מערי
סירקין איז די פאַרפאַסערין פון דער איבערזעצונג:

You must not let yourself consider this the end,
When skies of lead above you threatenigly bend,
The longed for day will come at last, we have no fear,
Our steps will be like drums, proclaiming we are here!
From land that's here!
The longed for day will come at last, we have no fear,
Our steps will be like drums, proclaiming we are here!

From land that's green with palms to land that's white
with snow,
We wander on with all our grief, with all our woe;
And where our blood has flowed there we shall prove
at length,
That we have doubled all our courage, all our strength.

The morning sun will gild the morrow with its glow,
The dismal yesterdays will vanish with our foe;
But should the sun of dawning prove to be delayed,
Our song must live through generations, unafraid.

The song is written with our blood and with our tears;
It's not the song of summer birds that have no fears;
'Twas sung by people holding guns, the while they stood
Midst falling walls, protecting them as best they could.

And so, don't let yourself consider this the end,
When skies of lead above you threateningly bend;
The longed for day will come at last, we have no fear,
Our steps will be like drums, proclaiming we are here!

נתן אָסאָבעל, אין זיין ענגליש בוך „אַן אוצר פון יידישער פאָלקלאָר" (ניו־יאָרק, 1948), ברענגט דאָס ליד פון הירש גליק אונטערן נאָמען „מיר זיינען דאָ", נישט אָנגעבנדיק דעם מחבר, און ברענגט אויך פּאָלגנ־דיקע ענגלישע איבערזעצונג פון רות רובין (רויזנ־בלאָט), ז"ז 664־665:

Oh never say that you have reached the very end,
Tho leaden skies a bitter future may portend,
Because the hour for which we yearned will get arrive
And our marching steps will thunder: "We survive!"

From land of palm trees to the land of distant snow
We are here, with our pain, with our woe,
And wherever our blood was shed in pain
Our fighting spirits will resurrect again.

Not lead, but blood inscribed this song we sing,
It's not a caroling of birds upon the wing,
But 'twas a people midst the crashing fires of hell,
That sang this song, and fought courageous 'til it fell.

צו די דריי געבראַכטע ענגלישע איבערזעצונגען פונעם ליד, קומען צו נאָך צוויי. דר. א. א. ראָבאַק האָט מיר זיי צוגעשיקט — איין איבערזעצונג געמאַכט דורך אים גופא, און אַ צווייטע — אַ פרייע, וואָס לאָזט זיך גלאַט וואוילגיין — פון מאַלי פּיקאָן.

THE PARTISAN HYMN

By Hersh Glick *Translated by A. A. Roback*

Never say this is to be your last adieu,
When benighted days obscure the vault of blue;
The long-awaited hour surely will appear,
As defiantly our step will stamp "We're here."

From lands of verdant palms to regions white with snow,
We're here, anguish-ridden, yea, borne down with woe;
But where'er a drop of Jewish blood did spurt,
There will sprout anew our ancient grit and spir't.

The morning sun afresh will gild for us our "now,"
As wretched yesterday will vanish with the foe;
And if the dawn is late in coming through the sun,
Then must this song—a watchword—pass from sire to
son.

This battle-song in blood, instead of ink, we write,
No, 'tis not a robin's lilt in carefree flight;
'Midst tumbling walls a people grimly takes its stand,
And proclaims its boding message, gun in hand.

Then never say this is to be your last adieu,
When benighted days obscure the vault of blue;
The long-awaited hour surely will appear,
As defiantly our step will stamp "We're here."

THE PARTISAN SONG

English Version Arranged by Molly Picon

Come what may,
You mustn't say
This is the end,
Even though you walk
Without a friend.
For the day we all
Dreamed about, is near,
When we'll show to all the world
We still are here.

From the land of sunshine
To the land of snow
We'll be coming and
We'll bring our song of woe,
And where a drop of
Jewish blood fell yesterday,
On that very spot
We'll build again today.

The morning sun
Will banish all our woe.
All our yesterdays

Will vanish with the foe.
If the sun does not appear
To bring us light,
Then this song will be
Our beacon in the night.

For we wrote this song
With blood and not with lead,
When we lived not with the living
But with the dead;
And we sang the song
Behind the ghetto walls,
When we cried for help
And no one heard our calls.

That's why they'll never
Make us say—
This is the end,
For we know:
Somewhere, some day
We'll find a friend.
And the day we all dreamed of
Will be near
When we shout to all the world:
We still are here.

די ענגליש־יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס וואָלטן באַדאַרפט אויסקלייבן איין באַשטימטן טעקסט פון די ענגלישע איבערזעצונגען.

6

אין פֿאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן

און אָט זיינען איבערזעצונגען פֿונעם ליד אויף רומעניש און האָלענדיש (גענומען פֿון „יוגנטרוף" ב׳ 1, 1946):

CÂNTECUL PARTIZANILOR EVREI DIN VILNA

Nu spune că te afli azi pe cel din urmă drum.
Albastra zi o'năbuşă un cer de plumb acum.
Doritul nostru ceas o să răsară într'o zi
Şi'n marş de tobe vom cânta atunci:— „Suntem aci!"

Din ţara de curmali şi până'n ţara cu zăpezi,
Suntem aci cu chinul şi cu jalea drept dovezi
Şi orişiunde-un strop de sânge-al nostru a căzut,
Va creşte forţa noastră şi curajul nostru mut.

Cu soare se va polei acest „azi" de dureri
Şi-odată cu duşmanii, va pieri al nostru „eri"
Iar dacă soarele va'ntârzia în zori de leac,
Parolă vie, — cântul va păşi din veac în veac.

Cu plumb şi sânge cântecul acesta este scris.
Nu-i cânt de păsărică liberă în sbor deschis,
Ci'n prăvăliri de ziduri, duduind asurzitor,
Cu revolverele în mâini îl cântă un popor.

Să nu spui că te afli azi pe cel din urmă drum.
Albastra zi o'năbuşă un cer de plumb acum.
Doritul nostru ceas o să răsară într'o zi
Şi'n marş de tobe, vom cânta atunci — „Suntem aci!"

Din idiş de E. D.

PARTISANEN-HYMNE

Je moet niet zeggen, dit is nu mijn laatste weg,
Al zie je onder loden heem'len heg noch steg.
Ons verlangen wordt vervuld, eens gloort de dag,
Present' zal onze stap slaan als een trommelslag.

Ver zijn de palmen, vanwaar we gekomen zijn
Tot dit witte sneeuwland, dragend onze pijn,
— Bedenkt, dat waar één spat zal vallen van ons bloed
Daar spruit een nieuw gewas, de bloem heet: moed!

De morgen vergeldt wat ons heden werd misdaan,
Wat gisteren was zal met de vijand ondergaan,
En als het licht toeft, partisaan, betrek de wacht
Als een parool zal dit lied rondgaan door de nacht......

Niet met inkt is dit lied geschreven maar met bloed,
Geen vogel zong het als een blije ochtendgroet,
Tussen puin en vallende muren is 't ontbloeid,
Gemarteld volk zong het, geslagen en geboeid.

Je moet niet zeggen, dit is nu mijn laatste weg,
Al zie je onder loden heem'len heg noch steg,
Ons verlangen wordt vervuld, eens gloort de dag,
Present! zal onze stap slaan als een trommelslag.

L. Fuks

און אַט אַ פּוילישע איבערזעצונג פון דעם ליד „זאָג נישט קיינמאָל". זי איז פאַרעפנטלעכט אינעם פּוילישן בוך פון מיכאַל מ. באָרוויטש „פּיעסן אוידזיע צאַלאַ", דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1947 (228 זייטן). דער איבערזעצער פונעם ליד איז נישט אָנגעגעבן.

PIEŚŃ ŻYD. BOJOWCÓW WILNA

Nie mów nigdy: "oto jest ostatnia z dróg;
mrok siniego nieba dni pogodę zmógł."
Przyjdzie dzień ów, wytęskniony z wszystkich dni,
zadudni światu krok nasz werblem: oto my.
Od kraju palm aż do dalekich śnieżnych pól
jesteśmy, z nami nasza męka jest i ból,

a gdzie trysnęła kiedyś w ziemię nasza krew,
tam zakwitnie nasze męstwo, bunt i gniew.

Słońce jutra opromieni nasze dziś,
nasze "wczoraj" zniknie z wrogiem, jak zła myśl.
Choćby się dla nas słońce nie zdążyło wznieść—
jak hasło, poprzez pokolenia pójdze pieśń.

Ołowiem pieśń ta napisana jest i krwią.
To nie ptak wolny, co swobodę nuci swą.
To naród pośród ścian, kruszących się w gruz,
piosenkę w wargach a nagany w dłoniach niósł.

אין פּוילן האָט איבערגעזעצט דאָס ליד אויף פּויליש די אַקטיווע טוערין פון דער „דרור"־יוגנט, יאַנקאַ סאַק (די טאָכטער פונעם דעפּוטאַט פּראָפ. יוסף סאַק). דאָס ליד איז געדרוקט געוואָרן אין די אויסגאַבעס פון „דרור" און „השומר הצעיר" אין פּוילן — אַזוי טיילט מיר מיט ש. קאַטשערגינסקי. צי דאָס איז די געבראַכטע איבערזעצונג, אָדער ס'איז אַן אַנדערע — ווייס איך נישט.

פריינט שמואל קאָגאַן (צאַלעל בליץ), דער סעקרעטאַר פון ייוואָ אין אַרגענטינע, האָט אויף מיין ביטע, צוגעשיקט מיר נאָך אַן איבערזעצונג פונעם ליד אויף פּויליש, געמאַכט דורך דער יידישער דיכטערין אין אַרגענטינע מרים גאָלד (איר פּוילישער פּסיידאָנים איז

מאַריאַ לודזקאַ), ווי אויך די שפּאַנישע איבערזעצונג
פונעם ליד (נאָמען פון איבערזעצער אומבאַקאַנט).

די פּוילישע איבערזעצונג:

HYMN PARTYZANTÓW ŻYDOWSKICH

Nie mów nigdy, że to twój ostatni krok,
Dni podobne kryje w sobie ciemny mrok,
Jeszce przyjdzie dzień stęskniony naszych snów,
I zadudni krok nasz: my jesteśmy znów!

Od ziem palmowych, aż po kraj, gdzie wieczny śnieg
Bólem naszym milionowym jęczy wiek,
Tam, gdzie padły ślady umęczonej krwi,
Mocą naszą wstanie życie nowych dni.

Jutrzenka złota nam rozjaśni każdy dzień,
Przeszłość zniknie z wrogiem, jak koszmarny sen,
A jeśli słońce zwelcze świt i złoty wschód,
Niech hasłem pieśń ta będzie aż po wszystek ród.

Krwią z naszych serc zroszony jest ten śpiew,
To nie jest pieśń ptaszyny pośród drzew,
Walcząc z wrogiem pośród padających wrót
Z wiarą w jutro śpiewał słowa te nasz lud.

Więc nie mów nigdy, że to twój ostatni krok,
Dni pogodne kryje w sobie ciemny mrok,
Jeszce przyjdzie dzień stęskniony naszych snów,
I zadudni krok nasz: my jesteśmy znów!

און נאָך אַ פּוילישע איבערזעצונג, די דריטע. געווען געדרוקט אין דער ביילאַגע צו דער פּוילישער צייטונג „סלאָוואָ פּאָלסקיע״ (נ׳ 15 פונעם 18טן אַפּריל, 1948), „זוויערטשאַדלא״ (צוגעשיקט מיר פונעם ייוואָ אין ניו־יאָרק):

PIEŚŃ WALCZĄCEGO GETTA

Nie mów nigdy: "To już koniec, to już kres",
Chmury dymu dławią w piersiach naszą pieśń,
Ale słońce przezwycięży znowu mrok,
Ulicami dudni krok, miarowy krok...

Z kraju palm do kraju, kędy śnieg i lód,
My niesiemy naszą nędzę, ból i głód,
I gdzie choćby kropla spłynie naszej krwi,
Zmartwychwstaną wielkie dni, ogromne dni...

Hekatomby naszych ofiar, krwawy zer,
Bije w okna, stuka w szyby co dzień śmierć:
Niech od dziada pieśń—jak hasło—przejmie wnuk,
Pieśń tę, którą w naszych salwach słyszy wróg...

Nie ołówek strofy pisał, ale krew,
Nie słowika to miłosny, rzezwy śpiew:
Piszą pieśń tę barykady, łuny walk,
Śpiewa ją dziś karabinów chłodna stal...

tłumaczył J. Z.

און אָט איז די שפּאַנישע איבערזעצונג, וואָס איז
מיר צוגעשיקט דורך צאַלעל בליץ:

HIMNO DE LOS GUERRILLEROS JUDIOS

Nunca digas que emprendes tu último camino.
Cielso plomizos ocultan días azules.
Aún vendrá la hora ansiada
Y nuestra paso marcará:
¡ESTAMOS AQUI!

Desde el país de la palmera hasta el lejano país
de la nieve
Estamos aquí — con nuestros dolores y sufrimientos
Y donde haya salpicado una gota de nuestra sangre
Allí, brotará nuestro heroísmo, nuestro valor.

El sol de la mañana dorará nuestro hoy,
Nuestro ayer desaparecerá con el enemigo.
Y si se han de retardar la luz y el Sol
Sea lema esta canción de generación en generación.

Con sangre y plomo fué escrita esta canción.
No es el canto de un pájaro en libertad
Sinó que un pueblo entre muros derruidos
Con armas en la mano la entonó.
No digas, pues, que emprendes tu último camino.
— — — — — — — — — — — — — — —

הכלל, ביז־אַהער האָבן מיר דאָס ליד „זאָג נישט קיינמאָל" — דעם אָריגינאַל אין פאַרשיידענע נוסחאות, אין העברייאישע איבערזעצונג, פינף ענגלישע, צו איינציקע איבערזעצונגען אין רומעניש, האָלענדיש, שפּאַניש, און דריי איבערזעצונגען אין פּויליש.

אברהם ביק גיט מיר איבער, אַז זייענדיק לעצטנס אין בולגאַריע האָט ער געהערט זינגען „זאָג נישט קיינמאָל" אין אַ בולגאַרישער איבערזעצונג, און מ׳האָט עס אויך אויפגעפאַסט ווי אַ נאַציאָנאַלן הימן פונעם יידישן פאָלק.

7

פון דעם ליד — אַ קאָלירפולער פילם

מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן ערגעץ אויף אַ נאָטיץ, אַז „הירש גליקס פּאַרטיזאַנען־ליד איז דורך דער האָלענדישער פילם־געזעלשאַפט ׳נידערלאַנד־פילם׳ רעאַליזירט געוואָרן אין אַ פאַרביקן פילם. די הויפּט־ראָלע שפּילט די יידישע קינסטלערין חיהלע גאָלד־שטיין."

פאַראינטריגירט פון אָט דער ידיעה, האָב איך זיך געווענדט צום פריינט לעאָ פוקס, דער „אַמבאַסאַדאָר" פונעם יידישן וואָרט אין אַמסטערדאַם (האָלאַנד). און אָט וואָס ער שרייבט מיר, ווי דער פילם „דאָס פּאַרטי־זאַנען־ליד" איז געשאַפן געוואָרן:

„אין 1945, גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון האָ־לאַנד, האָט מאַניפעסטירט די קינסטלערין חיהלע גאָלד־שטיין די אַנטשלאָסנקייט און אומדערשיטערלעכן ווילן פון דיביים־לעבן־געבליבענע יידן פאַרצוזעצן זייערע קולטור־טראַדיציעס און דערמיט שליידערן דער וועלט אין פנים אַריין דעם רוף: מיר זיינען דאָ! ווי פאַר דער מלחמה, טרעט זי אויף מיט אָוונטן פון יידישן געזאַנג און טאַנץ אין די גרעסטע טעאַטער־זאַלן פון דער הויפּט־שטאָט און אין די פּראָווינץ־שטעט. איר

פראָגראַם ווערט טיפער, ערנסטער. אין אים איז דער אָפּקלאַנג פון דער נאָענטסטער גרויליקער פאַרגאַנגענ־הייט. מען זעט דעם נייעם טאַנץ: ׳טרוים און האָפע־נונג׳; מען הערט דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד פון הירש גליק. עס דויערט נישט לאַנג און דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד — געזונגען מיט אַזויפיל קראַפט, מיט אַזויפיל שטאָלץ און זעלבסטבאַוואוסטזיין — ווערט דער קנין נישט אַליין פון דער האָלענדישער שארית הפליטה, נאָר אויך פון די נישט־יידישע מאַסן. מען פלעגט עס הערן ברומען אין טראַמווייי און פייפן די פאַרער אויף די ביציקלעטן.

„ווען אין 1946 קומט פאַר מיטן אָנטייל פון קעניגין ווילהעלמינאַ די הזכרה פאַר די נישט־צוריקגעקומענע יידן פון היטלעריסטישן גיהנום, אויפן פּלאַץ וואו די אַמסטערדאַמער יידישער פאָלקס־מענטשן צוזאַמען מיט זייערע נישט־יידישע חברים האָבן געשטעלט אין משך פון עטלעכע טעג און נעכט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דעם בלוטיקן שונא, הערן זיך צו די 40 טויזנט פאַר־זאַמלטע מיט אַנטבלויזטע קעפּ צום פּאַרטיזאַנען־ליד פון יידישן פּאַרטיזאַן הירש גליק...

„דאָס האָט מסתמא געבראַכט דעם האָלענדישן פילם־דירעקטאָר פּאָול סכויטעמאַ אויפן געדאַנק צו ברענגען דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד אויפן לייוונט אין אַ פאַרבן־פילם. דער האָלענדישער פילם־אונטערנעמער פּ. ל. ד. סטרענגהאָלט — אויך אַ נישט־ייד — האָט

אַריינגעלייגט די נויטיקע סומען. נאַטירלעך האָט מען חיהלע גאָלדשטיין איינגעלאַדן צו שפּילן די הויפּט־ראָל, וואָס האָט, אגב, שוין געהאַט אַרויסגעבראַכט דאָס ליד איבער די גרענעצן פון לאַנד און באַוויזן מיט איר געוואַלטיקער עקספּרעסיע פון קלאַנג און מימיק אויפֿצוציטערן די הערצער פון צען־טויזנטער אין די גרעסטע זאַלן פון בריסל און פּאַריז (זאַל שאַיאָט — איצטיקער זיץ־אָרט פון דער אונאָ).

„דער פילם איז געמאַכט געוואָרן אין פּאַריז, אין 1947, ווען אין האָלאַנד האָט מען פּאַר אַ פּאַרבן־פילם נישט געהאַט די נויטיקע פּראָדוציר־אַפּאַראַטן.“

„לײדער — שרייבט מיר וויקטער ל. פוקס — איז דער פילם נישט געוואָרן קיין קינסטלערישער דערפאָלג. דער רעזשיסער, מיט אַלע זיינע גוטע כוונות, האָט דאָך נישט באַוויזן אַרויסצוברענגען גאָר די אַטמאָספערע, וואו דאָס ליד איז אויפגעקומען. ער איז אָבער, אָן שום ספק, ווי אַ דאָקומענטאַרער פילם, אַ ווערק פון ערשטער מדרגה.

„נאָכן פּאַרפּאַרטיקן פון פילם האָב איך דעמאָלט, אין 1947, געהאַט די געלעגנהייט צו שמועסן מיט דער קינסטלערין גופא וועגן איר ווערק. דער ענטפער איז בערך געווען אַזוי: פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דער פילם נישט איבעריק געלונגען. ער פאַרמאָגט נישט די איבערצייגונגס־קראַפט, מיט וועלכער זי גופא פלעגט אירע מאַסן־הערער מיטרייסן...“

8

הירש גליק — אַ געשטאַלט אין פּרץ מאַרקישעס ווערק

און איצט נאָך אַן אינטערעסאַנטע איבערוואַנדלונג פון הירש גליק און זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל!“:

הירש גליק איז אַריינגעפלאָכטן דורך פּרץ מאַרקישן אין זיין ניי גרויס דיכטעריש ווערק „מלחמה“ (מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1948, 662 ז״ז). הירש גליק איז ביי מאַרקישן איינער פון די פּרעכטיקע העראָאישע געשטאַלטן פון אַ מוטיקן קעמפער אין געטאָ. פּרץ מאַרקיש האָט אים איבערגעגעבן גרויסע העראָאישע, מסירת־נפשדיקע שליחותן, וועלכע ער פירט אַדורך מיט טיפער דערהויבנקייט און הויכער ווירדיקייט. פּ. מאַרקיש האָט מסתמא נישט געוואוסט קיין ביאָגראַפישע פּרטים וועגן דעם יונגן מוטיקן פּאַר־טיזאַן־דיכטער הירש גליק פון ווילנע, האָט ער מיט זיין באַפליגלטער דיכטערישער וויזיע און צעוויטיקטן שאַ־פערישן ווילן אויסגעפורעמט אַן אייגענע דיכטערישע דערהויבענע געשטאַלט פון אַ קעמפער אין דער געטאָ, וועלכע מאַכט אַדורך גרויליקע און גרויזאַמע פּאַסירונ־

גען אונטער דער נאַצישער בעסטיע און ער געפינט אין זיך כוח און פּאַטאָס צו רופן צום באַוואָפנטן ווידער־שטאַנד. ביי פּ. מאַרקישן איז הירשל גליק (טאַקע אונטער דעם־אָ איצט־הייליקן נאָמען) אַ יידישער לערער. ער באַווייזט זיך ביי מאַרקישן אינעם 25טן קאַפּיטל („אַ נאַגאַן", ז. 266) און אַזוי ברענגט אים פּ. מאַרקיש אין די פאַרשיידנסטע טיף־רירנדיקע און שטאַרק־אויפשיטערנדיקסטע סיטואַציעס אין געטאָ, מחוץ די געטאָ־פאַרצוימונגען, אויף געפערלעכסטע מיסיעס און אויך אַ צעפּייניקטן, אַ צעניזוקטן פון דעם נאַצישן מערדער פריק א. אַז. וו. פאַראַן אַפילו אַ באַזונדער קאַפּיטל אין בוך (קאַפּיטל 35, ז"ז 305־308) מיטן נאָמען „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", וואָס באַשטייט פון זעקס טיילן, און אינעם לעצטן טייל קומט טאַקע דאָס ליד גופא, ווי די שאַפונג פון פּרץ מאַרקישעס הירש גליק, דעם לערער און געטאָ־קעמפער.

מיר ווילן דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן ווי פּרץ מאַרקיש מאָלט הירש גליקן:

„אויף אַרבעט גייענדיק, זיך אומקערנדיק צוריק,
אַדורך דעם טויער ביי דער דראַטיקער פאַרצוימונג, —
געוועך געשמוגלט האָט דער לערער הירשל גליק..." (ז. 266)

און עס איז געגאַנגען אַ לאַנגער שטרייט: „ווי זאָלן זיך פירן קעגן שונא די שלאַכטן?!" עס זייבען

אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע מיינונגען. דאָן, דערציילט פרץ מאַרקיש,

„האָט הירשל גליק אויפן באַס געטאָן אַ נעם,
עס איז זיין שטים מיט שטאָל געווען געקאָוועט:
— דאָ איז ניט מער, ווי פונדאַסניי — קידוש־השם,
איך שענק אַוועק גערמאַניע דעם כבוד!"

און פ. מאַרקיש זאָגט:

„געלייגט זיין קול האָט זיך אויף יעדערנס געמיט,
ווי ס'לייגט זיך אויף אייזן אויף צעגליטן זיך אַ האַמער."

און ווייטער שרייבט פרץ מאַרקיש וועגן הירש גליקן:

„ער האָט באַצויבערט יעדן איינעם מיט זיין שטים,
אַיעדן איינציקן אויף דורך אַדורכגעדרונגען."

און

„ער האָט די האַנט פאַראויס פון זיך געטאָן אַ וואָרף,
אין גאַנצן וואוקס דערלאַנגט האָט ער אַ שטעל זיך"

און אויסגערופן:

„ניטאָ אַ קראַפט אַזאַ, ניטאָ אַזאַ מין וואָרט,
וואָס זאָל אונדז צווינגען אויסשטרעקן די העלדזער!"

און אויפטרייסלענדיק איז די גרויזאַמע געשיכטע, וואָס פ. מאַרקיש מאָלט אין קאַפּיטל 27, „אַן עפּל", וואָס הויבט זיך אָן אַזוי:

„די לאַטע פון דער ברוסט אַראָפּגעפּליקט,
אַראָפּגעפּליקט די לאַטע פון דער פּלייצע,
האָט דורך דער דראָט־פּאַרצוימונג הירשל גליק
אין שטאָט אַדורכגעשמוגלט שטילערהייט זיך...“

הירש גליק האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון דער געטאָ, זיך צו טרעפן מיט אַ חבר, אָבער דער סוף איז געווען אַ מוראדיקער — ער ווערט צעשמיסן און פאַרוואונדעט דורך דעם דייטשן מערדער פריק און אָפּגעשיקט אין דער געסטאַפּאָ אויף פּייניקונג, און פון דאָרט אין אַ לאַגער, פונוואַנעט ער אַנטלויפט, ראַטעוועט זיך, נאָך אַן איבערשיסן זיך, און קומט אין געטאָ, וויל זיך טרעפן מיט זיין נעמי:

„די אימה טשאַטעוועט אויף יעדן ראָג,
די פענצטער — אויסגעזעצט, די טירן — אָפן.
אין געטאָ דורכגעגאַן איז גליק פאַרטאָג,
נאָר נעמי'ן האָט ער דאָרט שוין ניט געטראָפן.
ער לעבט? — האָט יעדער שטויב געטאָן אַ פרעג,
ס'איז ער — געשטוינט האָבן שטיינער.
'אָ, זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,' —
אַזוי געשען איז ניט מיט אים אַליין נאָר...“ (ז. 284)

און איינמאָל, ווען הירשל גליק איז געווען פיבערדיק פאַרכאַפּט, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, צו ברענגען וואָס־מער געווער אין געטאָ, און „זיך ניט אומגעקערט האָט הירשל גליק ביינאַכט, / ערגעץ איינגעשטעלט

פונסניי האָט ער דאָס לעבן", — איז דאָן, דערציילט פּרץ מאַרקיש:

„און קאַיאָר האָט ער אַ ליד געבראַכט אַליין,
זינגען זאָלן פּאַרטיזאַנער זי אין געטאָ."

דאָס איז דאָס ליד „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג", וואָס מאַרקיש ברענגט אינגאַנצן.

פּרץ מאַרקיש פירט אַרויס דערנאָך הירש גליקן ביי נייע, שווערע, גרויליקע נסיונות, און בעיקר אינעם קאַפּיטל „דער טויט פון לעצטן אויפשטענדלער" (ז"ז 558-565).

„עס וועט זיך גליק צום שייטער אויפרופן אַליין,
עס וועט צום שייטער גליק אַליין זיך געבן אַן עליה !..."

עס וואָלט געווען אַן עוולה איבערצודערציילן אַט דעם קאַפּיטל, וואו פּרץ מאַרקיש מאָלט די לעצטע גרויליקע שעהן פון דער געטאָ און דעם העראָאישן קאַמף און געראַנגל פון הירשל גליק. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו די פּרעכטיקע, פלאַמיקע בלעטער פון פּ. מאַרקישעס ווערק, וואו דער לערער-פּאַרטיזאַן און דער פּאַרפאַסער פון דעם ליד „זאָג נישט קיינמאָל", הירש גליק, וואַקסט אויס אין אַ מערקווירדיקער פייערדיקער געשטאַלט.

הירשל גליק (אינאיינעם מיט זיין לעבנס-ליד „זאָג נישט קיינמאָל") איז דורך פּרץ מאַרקישן גענומען

אויך אַלס דער הויפּט־העלד פון דער דראַמע „דער אויפשטאַנד אין געטאָ", וואָס ווערט געשפּילט די לעצטע צוויי יאָר מיט גרויס דערפאָלג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (די דראַמע איז פאַרעפנטלעכט אין „מאָרגן־פרייהייט" *), דעצעמבער 1947, פונעם 7טן ביזן 23טן). הירשל גליק, — דער ערשטער אינעם צעטל פון די „אַנטיילנעמער" אין דער דראַמע,—איז ביי פּ. מאַרקישן דער פאַרזיצער פון אויפשטאַנד־קאָמיטעט און זיין עלטער איז 35 יאָר (אויף אַ צוועלף יאָר עלטער פון הירש גליקן). מיר טרעפן אים שוין אַנהויב ערשטן בילד — „אַן אונטערערדישע דרוקעריי פון געטאָ", וואָס „גרענעצט זיך מיט דער אונטערערדישער שמידעריי"... „אויף צוויי צונויפגערוקטע קאַסטנס שלאָפט הירש גליק..." ס'איז אַ געשפּאַנטער מאָמענט, פול־אָנגעלאָדן מיט שווערן נסיון. מירן נישט דערציילן דאָ וועגן דעם אַלעמען, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך מאַרקישן אין אָט דער טיף־טראַגישער דראַמאַ־טישער שאַפונג. פּ. מאַרקיש שטעלט אַנטקעגן דעם העראָאישן קעמפער און די גאַנצע גרופּע מאַרטירער־העלדן, די געשטאַלטן פון דעם יודנראַט, און צווישן זיי — דעם פאַרזיצער פונעם ראַט — וואָלף גליק, דער

*) איך דאַנק דעם איקוף־סעקרעטאַר פון מאָנטרעאָל, ח' שלום קרישטאַלקע, וואָס אָט מיר דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט און צוגעשטעלט מיר די אַלע צייטונג־אויסשניטן.

פאָטער פון הירש גליק, ווי אויך זיין פרוי חנה — הירשלס מוטער.

ס׳איז אַ מוראדיקע סיטואַציע — דער דייטשער מערדער, דער „זאָנדערפיורער" קלאַפּס פאַרלאַנגט פונעם יודנראַט, דורך זיין פאָרזיצער וואָלף גליק, „מען זאָל אַרויסגעבן הירשקען צו די דייטשן לעבעדיקער־הייד", אין קעגנפאַל — דראָט ער „אַרומצוזינגלען די געטאָ און אָפּווישן זי פון דער ערד".

הירש גליק, דערציילט פּרץ מאַרקיש, גיט זיך אַ הויב־אויף, ווישט אויס די אויגן און שטעלט זיך אויף. שוין שפּעט? — פרעגט ער. „ער ציט זיך אויס אין גאַנצן וואוקס און גיט אַ זינג: ׳זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג, הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג׳..." ס׳איז אַן אָנגעשטרענגטער צושטאַנד אַרום, און גליק ווענדט זיך צו די חברים: וואָס איז עפּעס אַזוי שטיל דאָ מיטאַמאָל?... הירש גליק זינגט ווייטער זייער שטיל: „פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד, ביז לאַנד פון ווייסן שניי, קומען מיר מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי..."

אינעם דריטן אַקט, דער הויך־פּונקט פונעם אויפשטאַנד אין געטאָ, זעען מיר הירש גליקן אין זיין הערלאָישן געראַנגל מיט די נאַצישע בעסטיעס. ער מוטיקט אַלע, ער סטימולירט זיי מיט טאַט און מיט באַגייסטערטע רייד. ער זאָגט דאָרט צו די פאַרבליבענע לעצטע חברים אין דער געטאָ:

„דריי און פערציק טעג געדויערט האָט די שלאַכט! דאָס בלוט זייערס ס'פאַרגאָסענע אויף יעדן שטיין האָט פון די געטאָ־געסלעך דערקלערט דער וועלט בקול־רם, אַז ס'לעבט דאָס פאָלק! אַז העלדזער שטרעקן זיך נישט פאַר דער האַק. דאָס שוואַרצע הענקער־בלוט האָט דריי און פערציק טעג געוואָיעט. און ווי אַ בייע ספירה אויסגעקריצט וועט זיין די שלאַכט ביים פאָלק אין האַרץ און אויפבליען לעולם ועד.“ און וויטער רופט אויס הירש גליק ביי מאַרקישן: „פאַר צווי יאַרטויזנטן האָט ס'פאָלק דערקלערט דעם פיינט אַזאַ אַרויסרוף! מיט הוילע הענט! מיט הוילן גייסט! מיט הוילן מוט!... עס וועלן דורות ווענדן זיך צו זייער פלאַם... איז פאַלן זאָל אויף אונדז די קדושה־שיין און שטאַרקן דאָס גע־מיט אונדז ערב דעם געראַנגל. מיר טרעטן־אויף! אין נאָמען פון פאָלק! פון זיין אומשטערבלעכקייט!... אויפ־שטענדלער! זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!... (ס'כאַפּן אונטער שטימען). הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג... קומען וועט דאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה, ס'וועט אַ פּויק טאָן אונ־דזער טראָט: מיר זיינען דאָ!“

הירש גליק קומט אום פון דער גראַנאַטע, וואָס ער וואַרפט אויף דעם מערדער קלאָפּס, מיט די ווערטער: „תמות נפשי עם פלשתים.“

און אָט ווי א. סוצקעווער, דער באַוואוסטער יידי־שער דיכטער, וואָס וואוינט איצט אין ישראל, פלעכט

אַריין דאָס פּאַרטיזאַנען־ליד אין אַ שיר, וואָס שילדערט ווי אַ „בחור טראָגט אַ פאַרוואונדיקט מיידל" אויף די „פעסטונג־ווענט פון עיר הקודש". דאָס ליד איז גע־דרוקט אין „יידישע קולטור", 1949, נומ' 1, יאַנואַר. א. סוצקעווער שרייבט:

„דער בחור זינגט דעם פּאַרטיזאַנען־הימן,
די פעלזן פון יהודה זינגען־מיט.
די מיידל — אָרעמס אַרום האַלדז פון בחור.
אמתדיקער — אַרום האַלדז פון שטאָם.
איר בליק —
דער ניגון פון די בערג און טאָלן
וועט אין אונדזער אַפּל זיין פאַרהיט."

און דאָס סוצקעווער־ליד ווערט פאַרענדיקט:

„דער בחור זינגט דעם פּאַרטיזאַנען־הימן,
דעם מיידל טויטע ליפּן זינגען־מיט."

אַט אַזוי איז הירש גליקס „זאָג נישט קיינמאָל" אַריינגעוואַקסן אין אונדזערע אַלעמענס געמיטער און רעגט און הערשט נישט אויף צו רייצן אויך די דיכ־טערישע פאַנטאַזיע!

9

די מוזיק פונעם ידישן פּאַרטיזאַנען־ליד

גאָר אַ באַזונדער ענין איז די מוזיק פון דעם ליד „זאָג נישט קיינמאָל".

דער טעקסט פונעם ליד און די מעלאָדיע זיינען ענג און אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן און ס'איז גאָר זיי שווער פאַנאַנדערשיידן. און פונקט ווי די ווערטער שוידערן אונדז אויף, אַזוי אויך טרייסלט אונדז אויף די מעלאָדיע, די מוזיק. ווער פון אונדז האָט דאָס ליד נישט געהערט זינגען אין פאַרשיידענע לענדער, ביי פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען און ביי די פאַרשיידנסטע שטימונגען און סיטואַציעס. מיר האָבן די פאַרשטעלונג און געפיל, אַז ביידע, דער טעקסט פונעם ליד און די מעלאָדיע, זיינען גלייכצייטיק געשאַפן געוואָרן.

פון וואַנעט טאַקע קומט די מעלאָדיע, די מוזיק? ווען איז זי געשאַפן געוואָרן? האָט הירש גליק די ווער־טער צוגעפּאַסט צו דער מוזיק, צו דער מעלאָדיע, אָדער ער גופא אָדער עמעץ אַנדערש, ווי ס'טרעפט אָפט, האָט די מעלאָדיע אַדאַפּטירט פאַר דעם ליד, וואָס איז

גלייך געוואָרן אַ קנין (קיניען), אַן אייגנטום פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין דער וועלט?

ס'איז דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אויך די מעלאָדיע ווערט דורך פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע, געשולטע זינגער און דורך דעם פאָלק געזונגען מיט פאַרשיידענע ניואַנסן, אויף אַ פאַרשיידענעם שטייגער.

איז פון וואַנעט שטאַמט דאָס ליד, ווער איז דער

זאָג נישט קיינמאָל

טעקסט: הירש גליק



פּראָפעסער און ווי איז עס באַהעפט געוואָרן מיט דעם טעקסט ?

וועגן דעם האָבן מיר אַן אויסטערלישע געשיכטע, וואָס איז אַביסל אויפגעקלערט געוואָרן.

ש. קאַטשערגינסקי האָט אָנגעגעבן, אַז „די מוזיק איז לויט אַ רוסישן מאָטיוו". דר. מ. דוואָרזשעצקי שרייבט, אַז „דער ניגון שטאַמט וואַרשיינלעך פון רוסישן קאָמפּאָזיטאָר בלאַנטער".

אין דער אמתן איז די מעלאָדיע פון „זאָג נישט קיינמאָל" פון די סאָוועטיש־יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, די ברידער דמ. און דאַנ. פּאָקראַס, געשריבן אויף דעם ליד פונעם סאָוועטישן דיכטער א. סורקאָוו. דאָס ליד הייסט „טאָ ניע טוטשי גראָזאָוויע אָבלאָקאָ". עס ווערט געזונגען אין אַ פיל־שנעלערן און האַסטיקערן טעמפּאָ. ס'איז דאָ אַ רעקאָרד *) פון אָט דעם ליד, און ס'איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן אָט די ביידע געזאַנגען—ווי אַנדערש ס'זיינען די ווערטער און ווי אַנדערש ווערט דער זעלבער מאָטיוו געזונגען און אַרויסגעבראַכט. ס'וואָלט געווען וויכטיק פעסטצושטעלן, צי הירש גליק האָט געוואוסט וועגן דער מוזיק, און אפשר האָט ער צוגעפּאַסט דעם טעקסט צו איר, אָדער די מוזיק

*) דער רעקאָרד (פּלאַסטינקע) איז אַרויסגעגעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד דורך דעם „אַפּרעלעווסקי זאַוואָד", נומ. 9131. דאָס ליד ווערט געזונגען און אַקאָמפּאַנירט דורכן דזשאַז־אָרקעסטער, דיריגענט — לעאָניד אוטעסאָוו.

פונעם קאַזאַקישן ליד איז ערשט שפּעטער דורך עמעצן צוגעקליבן געוואָרן פאַרן ליד „זאָג נישט קיינמאָל".

ש. קאַטשערגינסקי, ווי געזאָגט, שטעלט פעסט, אַז הירש גליק האָט עס שוין געזונגען פאַר אים מיט דער מעלאָדיע.

ס'זיינען דאָ „רעקאָרדס" פון הירש גליקס „זאָג נישט קיינמאָל" אין יידיש, געזונגען פון מאַקסים בראָדין און אויך פון סידאָר בעלאַרסקי.

מיר ברענגען דאָ ווייטער דעם טעקסט פון א. סורקאָוו (פאַרעפנטלעכט אין דער לידער־זאַמלונג „פּיעסני סטראַני סאָוועטאָוו" [לידער פון סאָוועטנ־לאַנד], מאָסקווע, 1940, ז"ז 65-66). די נאָטן זיינען גע־דרוקט אין מאָסקווע, אין 1938, איבערגעגעבן אונדז דורך מ. בראָדין.

אָט איז דער טעקסט פון דעם רוסישן ליד:

А. Сурков

ТО НЕ ТУЧИ ГРОЗОВЫЕ — ОБЛАКА

То не тучи грозовые — облака
По-над Тереком на кручах залегли.
Кличут трубы молодого казака,
Пыль седая встала облаком вдали.
Оседлаю я горячего коня,
Крепко сумы приторочу в перемет.
Встань, казачка молодая, у плетня,
Проводи меня до солнышка в поход.
Скачут сотни из-за Терека-реки,
Под копытами дороженька дрожит:

Едут с песней молодые казаки—
В Красной Армии республике служить.
Газыри лежат рядами на груди,
Алым пламенем пылают башлыки.
Красный маршал Ворошилов, погляди
На казачьи богатырские полки.
В наших сотнях все джигиты на подбор
Ворошиловские меткие стрелки;
Встретят вражескую конницу в упор
Наши острые каленые клинки.
То не тучи грозовые — облака
По-над Тереком на кручах залегли.
Кличут трубы молодого казака,
Пыль седая встала облаком вдали.



ס׳בלייבט אויך אַ פראַגע, צי האָט דאָס רוסישע
ליד גופא, דער טעקסט, דער אינהאַלט געהאַט אַ וואָסער
ס׳איז איינפלוס אויף הירש גליקן. מיר ווייסן נישט, צי

הירש גליק האָט געקענט רוסיש. דער אינהאַלט פונעם רוסישן קאָזאַקישן ליד איז לחלוטין אַן אַנדערער, אָבער אפשר האָט דער פּאַטאָס, דער רוף, דער מאַרש אָנ־געוויזט אויפן יונגן קעמפער־פּאַרטיזאַן די שטימונג, דעם האַסטיקן דראַנג אַרויסצוזינגען אין דעם שווערסטן מאָמענט דעם גלויביקן מונטערן געזאַנג און די זיכער־קייט, אַז „דו גייסט נישט דעם לעצטן וועג" און אַז „ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט" ?!

די חברים פון הירש גליק, וואָס זיינען פּאַרבליבן, קאָנען אונדז וועגן דעם דערציילן מערער.

דאָס איז בקיצור די געשיכטע פון דעם ווילנער יידישן בחורל הירש גליק און פון דעם אויסטערלישן גאַנג פון זיין ליד „זאָג נישט קיינמאָל", וואָס איז איינ־געבאַקן געוואָרן אין די הערצער פון מיליאָנען יידן איבער גאָר דער וועלט און אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

דער ביטערער גורל פון אַ יידישן דיכטער און אַ יידיש ליד. אַ מערקווירדיקע איבערוואַנדלונג פון אַ ניגון — פון אַ קאָזאַקישער קאַוואַלעריע־ליד — אַ יידישער נאַציאָנאַלער הימן.

אַ גלגול פון אַ ניגון!